קוּנְטְרֵס

# תּוֹךְ הַנַּחַל

## - אִין יוּדִישׁ -

**פָּארְכְטִיגֶע אוּן וואוּנְדֶערְלִיכֶע רֵייד אוּן גֶעדַאנְקֶען, וָואס טוּעֶן אוֹיפְוֶועקְן אוּן שְׁטַארְקְן, עֶס לֶעבְּט אוֹיף דֶעם גֵייסְט אוּן נְשָׁמָה פוּן יֶעדְן לֶעבֶּעדִיקְן, וָואס פוּן דִי פְּלִיסִיגֶע טַייךְ פוּן חָכְמָה טוּעֶן דִי רֵייד קְוֶועלְן, אוּן פוּן דָארְט טוּעֶן זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע שָׁאף אָנְטְרִינְקֶען, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין יֶעדְן מַצָּב וָואס מֶען טוּט זִיךְ גֶעפוּנֶען**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק

# רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי״ע

אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ ׳לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן׳ חֵלֶק א׳ סִימָן ל״ג

וָואס זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

# מָרָן מוֹהֲרָא״שׁ שְׁלִיטָ״א

לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ שְׁנַת תשס״ה

ψ ψ ψ

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ תשע״ד
דוּרְךְ דִי תַּלְמִידֵי מְתִיבְתָּא ׳הֵיכַל הַקֹּדֶשׁ׳ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב
עִיר הַקֹּדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב״א

# לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ
# פָּרָשַׁת לֶךְ לְךָ
# תשס"ה

## מַאֲמַר:

## "עָשׂוּ מִלְחָמָה"

פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְ'ס בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע סְעוּדָה, הָאט מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א גֶערֶעדְט גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע דִיבּוּרִים, אוֹיפְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א' סִימָן ל"ג), וָואס רֶעדְט פוּן דִי מִידָּה פוּן שָׁלוֹם, עַיֵּין שָׁם.

ψ ψ ψ

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ז"ל (מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א הָאט אִיבֶּער גֶעחַזֶר'ט אוֹיף אֵיין נְקֻדָּה וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט אִין דִי תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן). דֶער כְּלַל אִיז, אַז מְ'דַארְף בֶּעטְן אוֹיף "שָׁלוֹם", עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן יוּדְן, אוּן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אִין זַיינֶע מִידוֹת.

breslevcity.co.il

דָאס הֵייסְט, עֶר זָאל נִישְׁט זַיין צוּקְרִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע מִידוֹת אוּן גֶעשֶׁעהְנִישְׁן, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין בַּיי אִיהְם קַיין חִילוּק סַיי וֶוען עֶס אִיז אִיהְם גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז אִיהְם שְׁוֶוער, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר טְרֶעפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז (תְּהִלִּים נ"ו): "בַּה' אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹקִים אֲהַלֵּל דָּבָר" וְכוּ', זֶעה דָאס אַלֶעס אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער.

אוּן מוֹהֲרְאַ"שׁ נ"י הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען, אַז מֶען זֶעהט דָאךְ אַז מִידַת הַשָּׁלוֹם אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעם, אוּן אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן (סוֹף עוּקְצִין) לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי מַחֲזִיק בְּרָכָה לְיִשְׂרָאֵל אֶלָּא הַשָּׁלוֹם, [אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן אַ כֵּלִי וָואס הָאלְט דִי בְּרָכָה, נָאר דֶער שָׁלוֹם]. וַוייל שָׁלוֹם אִיז דִי נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (שַׁבָּת י:), אוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז מֶער דָבוּק אִין מִידַת הַשָּׁלוֹם, אִיז עֶר מֶער דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת.

אוּן בַּיי שָׁלוֹם אִיז פַארְהַאן צְווֵיי עִנְיָנִים. אֵיינְס, שָׁלוֹם צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, דָאס הֵייסְט, שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין

breslevcity.co.il

פְרַיינְד. און שָׁלוֹם צְווִישְׁן אַ מַאן מִיט זַיין פְרוֹי, און שָׁלוֹם בַּיי זִיךְ אַלֵיין, דָאס הֵייסְט, שָׁלוֹם אִין זַיינֶע מִידוֹת, אַז אִין אַלֶע זַיינֶע מִידוֹת און אִין אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים זָאל עֶר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדָה וָואס מֶען אַרְבֶּעט דֶערוֹיף אַ גַאנְצֶע לֶעבְּן.

וַוייל אַ וַודַאי אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ שָׁלוֹם מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, און אִין שְׁטוּב מִיט זַיין וַוייבּ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבוֹדָה, וַוייל דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ צוּ צִיהֶען נָאךְ מַחְלוֹקֶת, און זִיךְ מִישְׁן אִין אַ מַחְלוֹקֶת וָואס גֶעהֶערְט נִישְׁט צוּ אִיהְם. און בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע שְׁטוּת, וַוייל וָואס וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן פוּן דִי מַחְלוֹקֶת? נָאר צָרוֹת און יְסוּרִים און עַגְמַת נֶפֶשׁ! און עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פַּארְדִינֶען דֶערְפוּן.

און בִּפְרַט וֶוען עֶס רִירְט אָן צוּ אַ צִיבּוּר, אַז אֵיין חֵלֶק פוּנֶעם צִיבּוּר קְרִיגְט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע חֵלֶק, און זֵיי קוּמֶען אָן צוּ שִׂנְאָה, קִנְאָה און רְצִיחָה, רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין עֶרְגֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

breslevcity.co.il

אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר סִיבָּה אַז דֶער גָלוּת צִיהט זִיךְ אַזוֹי לַאנְג, ווייבַּאלְד נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶעפְטְן, אוּן מֶען אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶער לָאו פוּן "**לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ**" יֶעדֶע מִינוּט. אוּן מִיט דֶעם, אִיז דֶער לָאו הַארְבֶּער פוּן אַלֶע לָאוִין פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אוֹיף אַנְדֶערֶע לָאוִין אִיז מֶען נִישְׁט עוֹבֵר, נָאר בְּשַׁעַת מֶען זִינְדִיגְט, אָבֶּער אוֹיף "**לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ**" אִיז מֶען עוֹבֵר יֶעדֶע מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט פַיינְט זַיין חַבֵר.

אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף צוּ טוּהן אַלֶעס וָואס עֶר קֶען, צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט יֶעדֶעם אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ אַז עֶר אִיז נִישְׁט מְחוּיָב צוּ הַאלְטְן וִוי זֵיי, אוּן מַסְכִּים זַיין מִיט זֵייעֶר שִׁיטָה, אָבֶּער עֶר טָאר זֵיי נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אָדֶער רוֹדֵפְ'ן ח"ו, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט זֵייעֶר פַיינְט מַחְלוֹקֶת, אוּן הָאט זֵייעֶר לִיבּ דֶעם שָׁלוֹם, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין אוֹיף שָׁלוֹם.

אוּן דָאס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז נִישְׁט לְשֵׁם שָׁמַיִם, מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם –

breslevcity.co.il

אִיז אַ מַחְלוֹקֶת אוֹיף אַ הֲלָכָה אָדֶער אִין אַ שִׁיטָה, אַזוֹי וְוי מַחְלוֹקֶת שַׁמַּאי מִיט הִלֵּל, אַז יֶעדֶער הַאלְט פוּן זַיין דֵעָה אוּן פַארְשְׁטַאנְד אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עֶר רִירְט זִיךְ נִישְׁט פוּן זַיין שִׁיטָה. אָבֶּער צְווִישְׁן זִיךְ, אִיז גֶעוֶוען לִיבְּשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם, אוּן אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי גְמָרָא (יְבָמוֹת י"ג:) אַז בֵּית שַׁמַּאי אוּן בֵּית הִלֵּל הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן צוּ נֶעמֶען ווַייבֶּער אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אַזוֹי וְוי עֶס שְׁטֵייט (זְכַרְיָה ח') הָאֱמֶת וְהַשָּׁלוֹם אֱהָבוּ. אוּן דָאס אִיז אַ סִימָן אוֹיף מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂנְאָה צְווִישְׁן זֵיי.

אָבֶּער מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז נִישְׁט לְשֵׁם שָׁמַיִם – אִיז אַ מַחְלוֹקֶת פוּן שִׂנְאָה אוּן קִנְאָה, אַז אֵיינֶער וְויל יֶענֶעם אוֹיסְרַייסְן, אוּן עֶר קֶען אִיהם נִישְׁט דֶערְלַיידְן, וָואס דָאס אִיז דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן מְקַנֵּא גֶעוֶוען אִין דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט דֶעם כָּבוֹד פַאר זִיךְ.

breslevcity.co.il

אוּן חֲזַ"ל הַקְדוֹשִׁים זֶענֶען מְדַקְדֵק צוּ זָאגְן דַיְיקָא (אָבוֹת ה') מַחְלוֹקֶת "קֹרַח וַעֲדָתוֹ", אוּן נִישְׁט מַחְלוֹקֶת "קֹרַח אוּן מֹשֶׁה". וַוייל מֹשֶׁה הָאט נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אוֹיף קֵיינֶעם, אַדְּרַבָּה עֶר הָאט גֶעהַאט שָׁלוֹם מִיט יֶעדֶעם, וַוייל בַּיי אִיהְם אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען מִדַּת הַשָּׁלוֹם מִיט אַ שְׁלֵימוּת, נָאר קֹרַח הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיף אִיהְם, אוּן עֶר הָאט צוּגֶערֶעדְט זַיין גַאנְצֶע גֶעמַיינְדֶע זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קְרִיגְן אוֹיף אִיהְם, אוּן וַוייל אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען וַוייט פוּן מִדַּת הַשָּׁלוֹם, דֶערְפַאר אִיז צְווִישְׁן זִיךְ אוֹיךְ גֶעוֶוען פוּהל מִיט מַחְלוֹקֶת, וָואס דָאס אִיז מַחְלוֹקֶת "קֹרַח וַעֲדָתוֹ". אוּן נָאר צוּ זַיין קֶעגְן מֹשֶׁה, זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען פַארְאַיינִיגְט צוּזַאמֶען, אוּן זֵיי הָאבְן אַלֶע אוֹיף אִיהְם גֶעקְרִיגְט.

אָבֶּער דִי צַדִיקִים אַלֵיין, קְרִיגְן קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט אוֹיף קֵיין שׁוּם בְּרִיָה. אוּן אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם זָאגְט (תְּהִלִּים ק"כ): **"אֲנִי שָׁלוֹם, וְכִי אֲדַבֵּר הֵמָּה לַמִּלְחָמָה"**. אֲנִי שָׁלוֹם – וַוייל אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר וֶוען אִיךְ וִויל רֶעדְן, גֵייֶען זֵיי אַלֶע אַרוּים קֶעגְן מִיר צוּ אַ מִלְחָמָה, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיר נִישְׁט סוֹבֵל זַיין, אָבֶּער אִיךְ אַלֵיין הָאבּ גָארְנִישְׁט קֵיין

מַחְלוֹקֶת מִיט זֵיי. וַוייל אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן צַדִּיקִים, וָואס בַּיי זֵיי רוּהְט דֶער מִדַּת הַשָּׁלוֹם מִיט אַ שְׁלֵימוּת, אוּן זֵיי זֶענֶען דָּבוּק אִינֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס זַיין נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם, אוּן עֶר וִויל שְׁטֶענְדִיג בֶּענְטְשְׁן זַיין פָאלְק יִשְׂרָאֵל מִיט שָׁלוֹם.

אוּן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף פַּארְמֶערְן שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף מִדַּת הַשָּׁלוֹם אִין זִיךְ אַלֵיין. דָאס הֵייסְט, אִין אַלֶע זַיינֶע מִידוֹת אוּן אִין אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעהְנִישְׁן. וַוייל דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס עֲבֵירוֹת, מַאכְן מִלְחָמוֹת אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ל"ח) **"אֵין שָׁלוֹם בַּעֲצָמַי מִפְּנֵי חַטָּאתִי"**.

וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע צוּמִישְׁט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשְׁנְ'ס דַּעַת מִיט קֻשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶערְ'ס הַנְהָגָה, אוּן עֶס אִיז אִיהְם שְׁוֶוער, פַּארְוָואס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִיהְם אִין זַיין לֶעבְּן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער. אוּן עֶס אִיז אִיהְם שְׁוֶוער, פַּארְוָואס הָאט יֶענֶער נָאר גוּטְס, אוּן בַּיי אִיהְם גֵייט אַלֶעס נָאר פַּארְקֶערְט, אוּן דָאס אִיז אִיהְם גוֹרֵם אַז זַיין הַארְץ וֶוערְט אָפְּגֶעטֵיילְט

breslevcity.co.il

פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע צָרוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (הוֹשֵׁעַ י׳) **״חָלַק לִבָּם עַתָּה יֶאְשָׁמוּ״**. אַז גְּלַייךְ וֶוען ׳חָלַק׳ לִבָּם, פוּן דֶעם קוּמְט דֶער ׳אַשְׁמָה׳.

אוּן דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת אִיז, אַז עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מְחַלֵּק אִין זַיינֶע מִידוֹת, נָאר אַלֶעמָאל זָאל עֶר טְרֶעפְן אִין אַלֶעם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נ״ו) **״בַּה׳ אֲהַלֵּל דָּבָר בֵּאלֹהִים אֲהַלֵּל דָּבָר״**. אַז סַיי אִין מִדַּת הַחֶסֶד אוּן סַיי אִין מִדַּת הַדִּין, לוֹיבּ אִיךְ גָאטְ׳ס נָאמֶען, ווַייל אִיךְ ווֵייס אַז אַלֶעם קוּמְט פוּן אִיהְם צוּלִיבּ מַיין אֵייבִּיגֶע גוּטְס.

אוּן אַז מְ׳אִיז זוֹכֶה צוּ דִי הַשָּׁגָה, דָאס אִיז מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳), אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר דְבֵיקוּת אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זַיין נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם. ווַייל גְלַייךְ וֶוען אִיךְ ווֵייס אַז אַלֶעם אִיז מִיט אַ פְּרָטִיּוּת׳דִיגֶע הַשְׁגָּחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ שָׁלוֹם אִין אַלֶע מַיינֶע מִדוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת אִין הַארְצְן. אוּן אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם שָׁלוֹם וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. ווַייל

breslevcity.co.il

גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז בְּשָׁלוֹם מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר אִיז זִיכֶער אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף אִיהְם דוּרְךְ, אֲפִילוּ פוּן אַ מֶענְטְשׁ – וָואס הָאט אַ בְּחִירָה, אִיז אַלֶעס נָאר מִיט אַ הַשְׁגָּחָה עֶלְיוֹנָה, דֶעמָאלְטְס הָאט עֶר שָׁלוֹם מִיט אַלֶעמֶען, און עֶר אִיז נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף קֵיינֶעם. אָבֶּער דֶער וָואס אִיז אִין כַּעַס אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אוֹיךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר נִישְׁט שָׁלוֹם.

און דָאס וֶועט זַיין דִי אַרְבֶּעט פוּן מָשִׁיחַ, אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן שָׁלוֹם אִין דִי וֶועלְט. דֶערְפַאר פַאר מָשִׁיחַ'ס קוּמֶען, וֶועט קוּמֶען אֵלִיָהוּ הַנָּבִיא. און חֲזַ"ל הַקְּדוֹשִׁים זָאגְן (עֵדִיּוֹת פֶּרֶק ח') אֵין אֵלִיָהוּ בָּא לְרַחֵק וּלְקָרֵב וכו', אֶלָּא לַעֲשׂוֹת שָׁלוֹם בָּעוֹלָם. און דוּרְךְ דֶעם אַז עֶר וֶועט מַאכְן שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועלְן אַלֶע מֶענְטְשְׁן זִיךְ צוּזַאמֶען קוּמֶען און מַסְבִּיר זַיין אֵיינֶער פַארְן אַנְדֶערְן דֶעם אֱמֶת, און אַלֶע וֶועלְן קוּמֶען אַנֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סי' כ"ז).

וואוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען צוּ מִדַּת הַשָּׁלוֹם מִיט אַ שְׁלֵימוּת, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קֻשְׁיוֹת און סְפֵיקוֹת

breslevcity.co.il

אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז אִיהְם גוֹרֵם צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, דֶעמָאלְטְס וֶועט עֶר לֶעבְּן אַ גוּט אוּן זִיס לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט שְׁפִּירְן אַ טַעַם פוּן עוֹלָם הַבָּא, אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.

אוּן מוֹהֲרַא"שׁ נ"י הָאט מְקַשֵּׁר גֶעוֶוען דֶער עִנְיָן צוּ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה מִיט אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער קֶשֶׁר, אַז אִין דִי פַּרְשָׁה גֶעפִינֶען מִיר דִי עֶרְשְׁטֶע מִלְחָמָה אִין דִי תּוֹרָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית י"ד): **עָשׂוּ מִלְחָמָה, אֶת בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם, וְאֶת בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה, שִׁנְאָב מֶלֶךְ אַדְמָה, וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבוֹיִם, וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא צֹעַר.**

טַייטְשְׁט רַשִׁ"י: **בֶּרַע**, רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת. **בִּרְשַׁע**, שֶׁנִּתְעַלָּה בְּרִשְׁעוֹ. **שִׁנְאָב**, שׁוֹנֵא אָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם. **שֶׁמְאֵבֶר**, שָׂם אֵבֶר לָעוּף וְלִקְפֹּץ וְלִמְרוֹד בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, עַיֵּין שָׁם.

אוּן מֶען קֶען זָאגְן, אַז דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹרָה אִיז אוּנְז דָא מְרַמֵּז דֶער אוּנבְּנֶדֶערְמַאנְטֶער גִילוּי פוּנֶעם רֶבִּי'ן, פוּן וואוּ וֶוערְט גֶעצוֹיגְן דָאס מַחְלוֹקֶת, אוּן ווִי אַזוֹי אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן אִיר.

breslevcity.co.il

ווייל די גאַנצע זאַך פון "מִלְחָמָה" איז צושטאַנד געקומען דורך "**בֶּרַע**" מֶלֶךְ סְדֹם, וואס ער איז 'רַע לַשָּׁמַיִם וְרַע לַבְּרִיּוֹת', אַז ער קריגט און צערענט אויפן אייבערשטן, און מִמֵּילָא האט ער כַּעַס און מַחְלוֹקֶת אויף אַלע מענטשן, און אַזוי אויך **בִּרְשַׁע** שֶׁנִּתְעַלָּה בִּרְשְׁעוֹ, **און שִׁנְאָב** שֶׁשּׂוֹנֵא אָבִיו שֶׁבַּשָּׁמַיִם, **און שֶׁמְאֵבֶר** שֶׁשָּׂם אֵבֶר לִמְרוֹד בְּהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא – די אַלע האבן אנגעהויבן דורך דעם, אַז זייער הַארץ איז געווען אָפּגעטיילט פונעם אייבערשטן, און דאס האט זיי געצווינגן צו עפענען מִלְחָמָה און רִשְׁעוּת מיט אַלע מענטשן.

און מען קען זיך ראטעווען דערפון, נאר דורך זיך דערנענטערן צו צַדִּיקִים וואס ווערן אנגערופן 'בְּרִית שָׁלוֹם', וואס דאס איז די בְּחִינָה פון אַבְרָהָם אָבִינוּ וואס ער איז געווען דער הויפּט פון די געמַל'טע וואס ווערט אנגערופן 'בְּרִית שָׁלוֹם', ווייל די צַדִּיקִים ברענגען אַריין די מִדַּת הַשָּׁלוֹם אין די וועלט, אַז מענטשן זאלן האבן שָׁלוֹם מיטן אייבערשטן, און מִמֵּילָא וועלן זיי אויך האבן שָׁלוֹם מיט זיך.

breslevcity.co.il

אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מְזַכֶּה זַיין אָנְצוּקוּמֶען צוּ מִדַּת הַשָּׁלוֹם מִיט אַן אֱמֶת, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין זֶעהן דָאס הִתְגַּלּוּת פוּן אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן וְאָמֵן.

breslevcity.co.il